# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון ו'

## א 'מעדיקאל מיראקעל'

הרב יצחק סרוצקין שליט"א ר"י בעיה"ת לעקוואד דערציילט א מורא'דיגע מעשה וואס האט לעצטנס פאסירט: א טאטע און מאמע האבן גענומען זייער יונג מיידל צום דאקטער, און מ'האט איר אונטערזוכט און געמאכט רענטגען-בילדער. נאכ'ן איבערקוקן די בילדער, איז דער דאקטער אריינגעקומען און איבערגעבן די ביטערע בשורה, אז ס'איז דא א שרעקליך געוואוקס אויף דער לעבער פונעם קינד, ה"י, און וויבאלד ס'איז אויף אזא סענסיטיוון פלאץ איז זייער שווער עס צו היילן. "מיר קענען מאכן אן אפעראציע," האט דער דאקטער געזאגט, "אבער מיר קענען גארנישט פארזיכערן."

די עלטערן זענען געווען דערשיטערט, און עס האט זיי אויסגעקוקט ווי די וועלט פאלט צוזאמען אונטער זייערע פיס.

יענעם אוונט, גייענדיג אין גאס, באזארגט און פארצווייפלט, האט דער טאטע, ר' מרדכי, באגעגנט אן אלטן חבר פון ישיבה, ר' חיים, וואס האט געוואוינט אין ארץ ישראל. יענער האט אים באגריסט מיט א גרויסן שמייכל: "אה, שלום עליכם, ר' מרדכי, וואס מאכסטו? שוין אזא לאנג נישט געזען..."

ר' מרדכי האט אבער נישט געשמייכלט. זיין קאפ איז געלעגן אין אנדערע זאכן. ער איז נישט געווען אין דער שטימונג צו שמועסן און פארברענגען. זעענדיג אז דער אלעמאל-אויפגעלעבטער און גוטמוטיגער ר' מרדכי זעט אויס שטארק באזארגט, האט ר' חיים געבעטן אז ער זאל אים דערציילן וואס עס דריקט אים אויפ'ן הארצן. ר' מרדכי האט אויסגעגאסן פאר אים זיין ביטער הארץ און דערציילט די שרעקליכע בשורה וואס ער האט א פאר שעה פריער געהערט פונעם דאקטער.

הערנדיג די ווערטער, האט ר' חיים זיך אנגערפון און געזאגט: "הער, מרדכי, וועל איך דיר דערציילן א מעשה נורא וואס האט פאסירט מיט מיר אליין; אפשר קען די מעשה דיר עפעס ארויסהעלפן. ס'איז געווען אביסל מער ווי א יאר צוריק, כ'האב געהאלטן צוויי וואכן פאר'ן חתונה מאכן מיין טאכטער. יענעם שבת אינמיטן דאווענען בין איך צוזאמענגעפאלן און געליטן א הארץ-שטילשטאנד ("קאַרדיאַק אַרעסט"), ה"י. א לאנגע צייט האבן די הצלה- וואלונטירן געארבעט אויף מיר צוריקצוכאפן דעם דופק, אבער אן ערפאלג.

"איינער פון די וואלונטירן איז געווען מיינער א ידיד," דערציילט ר' חיים, "און זעענדיג דעם שרעקליכן מצב, האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף א בענקל און אויסגעשריגן צו די דערשראקענע מתפללים: 'רבותי, דער מצב איז זייער ערנסט... ס'איז פיקוח נפש ממש... מיר מוזן עפעס טון צו ראטעווען זיין לעבן... לאמיר זיך אלע מקבל זיין אז מ'גייט נישט רעדן ביים דאווענען און ביי קריאת התורה, און אין דעם זכות זאל חיים בן אסתר ביילא געראטעוועט ווערן ממות לחיים.'

"דערנאך האט ער זיך ווידער צוגעבויגן און געארבעט אויף מיר, און קורץ דערנאך האב איך ב"ה צוריק באקומען דעם פולס. מען האט מיך שנעל אפגעפירט אין שפיטאל, אבער אנקומענדיג אין שפיטאל האב איך נאכאמאל פארלוירן דעם פולס (הארץ-קלאפ). די דאקטוירים האבן פרובירט ארבעטן אויף מיר, און זעענדיג אז עס גייט נישט האבן זיי שוין געוואלט אויפגעבן. מיין נאנטער ידיד, דער הצלה מעמבער, האט ממש געוויינט צו די דאקטוירים אז זיי זאלן נישט אויפגעבן, אבער דער הויפט-דאקטער האט געזאגט, אז אפילו אויב מ'זאל מיך צוריקברענגען, וועל איך בלייבן ווי א 'וועדזשטעיבל', ווייל ס'איז דורך צו א לאנגע צייט אן אטעמען און אקסידזשען. פונדעסטוועגן, צוליב די בקשות פונעם הצלה-מאן, האבן די דאקטוירים ווייטער אנגעווענדן אלע פרואוון מיך צו ראטעווען און צוריקברענגען צום לעבן.

"בשעת מעשה האט דער הצלה מעמבער מתפלל געווען מעומק הלב צום באשעפער, אז אין זכות פון דעם וואס די מתפללים האבן זיך מקבל געווען נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה, זאל דער רבוש"ע מאכן א נס גלוי און מיך צוריקברענגען צום לעבן. נאך א פאר מינוט איז ענדליך געלונגען פאר די דאקטוירים צוריקצוכאפן דעם פולס, און ב"ה, צוויי וואכן שפעטער האב איך געקענט זיך מיטפרייען ביי דער חתונה פון מיין טאכטער."

איידער ר' מרדכי האט זיך געקענט מיט עפעס אנרופן, זאגט ר' חיים: "ווארט, כ'בין נאכנישט פארטיג, דאס איז נאר די ערשטע העלפט פון מעשה. לאמיר דיר דערציילן וואס עס האט פאסירט אין די מינוטן וואס כ'בין נישט געווען דא אויף דעם עולם. "פלוצלינג האב איך זיך געטראפן שטיין פאר'ן בית-דין של מעלה, און מיטאמאל האט מען געהערט א שטארקע שטימע אויסרופן: 'דו האסט אין דיין לעבן נאכנישט געדאווענט קיין איין תפלה!' "כ'האב זיך געוואונדערט: כ'האב דאך געדאווענט דריי מאל א טאג בציבור?!

"'נישט נאר וואס דו האסט נישט געדאווענט,' האט מען ווייטער אויסגערופן ביים בית-דין של מעלה, 'נאר אויך די אלע מתפללים פון דיין בית המדרש האבן גארנישט געדאווענט. דו מיט דיינע חברים האבן געשמועסט בשעת'ן דאווענען, און מיט דעם האט איר געשטערט די אלע תפילות פון די איבעריגע מתפללים ארויפצוגיין אין הימל.'

"כ'האב נישט געגלייבט וואס כ'הער. כ'האב נישט געהאט קיין אנונג ווי הארב ס'איז צו רעדן ביים דאווענען, און כ'האב אנגעהויבן וויינען און זיך בעטן ביים בי"ד של מעלה אז מ'זאל מיר געבן נאך א געלעגנהייט תשובה צו טון. כ'האב צוגעזאגט אז איך וועל מער קיינמאל נישט רעדן בשעת'ן דאווענען, און איך וועל מפרסם זיין פאר יעדן די הארבקייט פון שמועסן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה, און אויך וועל איך פרובירן מעורר זיין אנדערע נישט צו שמועסן אין ביהמ"ד.

"וואס איך געדענק פון דארט און ווייטער, איז אז כ'בין געווען ארומגענומען מיט דאקטוירים," פירט אויס ר' חיים די מעשה, און ער גיט דערביי א קוועטש פאר ר' מרדכי'ן אין האנט, און זאגט אים: "אפשר איז פונקט צוגעפירט געווארן בהשגחה העליונה אז איך זאל דיך דא טרעפן אין אזא מצב און דערציילן די מעשה."

די מחשבות האבן אנגעהויבן זיך דרייען ביי ר' מרדכי'ן אין קאפ. ער האט שוין געוואוסט אז ס'איז גארנישט קיין צופאל. איך ווייס דאך יא אז מיין דאווענען דארף א "גרויסן תיקון", ־ האט ער געטראכט צו זיך. - איך שמועס גענוג לאנג פאר'ן אריינקומען אין ביהמ"ד, און דאן בין איך ווייטער ממשיך מיט'ן שמועסן. אפשר איז צייט זיך צו געבן א נעם און מקבל זיין אויף זיך, און מעורר זיין אויך אנדערע, צו זיין מער נזהר בקדושת ביהמ"ד.

מילא פאר מיר ־ טראכט ווייטער ר' מרדכי - אבער מעורר זיין אנדערע?! ווי אזוי איז עס מעגליך? איך בין דאך געווען דער ראש המדברים ביז היינט. ווי קען איך פלוצלינג ווערן דער צדיק הדור און הייסן אנדערע זיין שטיל?!

אבער זיין טאכטער'ס בלאסע צורה, און דעם דאקטער'ס שרעקעדיגע ווערטער, האבן אים געצוואונגען זיך מקבל צו זיין בלב שלם נישט צו רעדן קיין אות אחת אין ביהמ"ד. אין די קומענדיגע טעג האט ער אפילו אנגעהויבן איידלערהייט מעורר זיין די שכנים אז מ'זאל נישט שמועסן. אין דער זעלבער צייט האט מען זיך געגרייט צו דער אפעראציע פאר זיין טאכטער און געהאפט אויף ישועת ה'.

דער גורל'דיגער טאג איז אנגעקומען. א שטאב מיט מעדיצינישע געהילפן האבן אריינבאגלייט דאס מיידל

אויפ'ן בעטל, און די עלטערן האבן איר נאכבאגלייט ביז צום אפעראציע צימער, ווען טייכן טרערן פליסן פון די אויגן. דערנאך האבן זיי זיך געזעצט ווארטן אויף א ישועה פון הימל.

נאך צוואנציג מינוט, זעט דער טאטע ווי דער הויפט דאקטער קומט ארויס און סוד'עט זיך עפעס מיט א צווייטן דאקטער. ער האט נישט געהערט דעם גאנצן שמועס, אבער פיר ווערטער האט ער באוויזן אויפצוכאפן: "נישטא וואס צו טון..."

דער טאטע האט געמיינט אז ער חלש'ט אויפ'ן פלאץ. ער האט זיך גע'דמיונ'ט אז נאך א פאר וואכן געזעגנט ער זיך פון זיין באליבטע טאכטער און באגלייט איר אויף אייביג, ה"י. ער האט שוין געזען פאר די אויגן די טרויעריגע לויה און די לאנגוויילעגע שבעה...

מיט די שרעקליכע מחשבות און קאפ, זעט ער פלוצלינג ווי דער דאקטער ווינקט צו אים און זיין פרוי, אז זיי זאלן שנעל קומען, און ער זאגט זיי מיט צופרידנקייט: "מיר האבן נאכאמאל גענומען בילדער פון אייער קינד און געזען אז דאס גאנצע געוויקס איז פארשוואונדן. די לעבער איז ריין און געזונט, ס'איז גארנישט דא וואס צו טון... דאס איז א 'מעדיקאל מיראקעל' (מעדיצינישער נס) אן קיין שום הסבר."

דער דאקטער האט טאקע נישט געהאט קיין שום הסבר, אבער ר' מרדכי האט שוין גוט געוואוסט דעם פשט. דאס איז געווען א ישועה פון הימל אין זכות פון כבוד בית המדרש און פון נישט רעדן בשעת התפלה.

עלו והצליחו לזכות את ישראל,

ידידכם, פינחס שפיטצער

## געהאלטן דאס "ווארט"

עס קומט מיר א "מזל טוב". איך בין - ברוך ה' - געווארן א חתן נאכ'ן זיך מוטשען מיט שידוכים א לאנגע צייט. יעצט, צוויי און א האלב וואכן נאכ'ן פארגאנגענעם סוכות, האט דער רבוש"ע געהאלפן, און איך האב געטון גאר א גוטן שידוך.

וועט איר זיך אוודאי וואונדערן: וואס עס האט מיט אייך? וועל איך אייך מגלה סוד זיין.

דעם פארלאפענעם סוכות, האב איך, ווי נאך צענדליגער טויזנטער אידן, דורכגעלערנט אייער גליון "הליכות החיים", און איך האב געליינט דארט א מעשה פון א איד וואס האט געזען א ישועה נפלאה אין זיין פרנסה נאכדעם וואס ער איז געווארן ביטער אויסגעשפילט דורך א גרופע פון זיינע ארבעטער. דער איד איז געהאלפן געווארן נאכדעם וואס ער האט זיך פארגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען, "פון אדון עולם ביז נאך אדון עולם". א קורצע צייט דערנאך איז איינער פון די ארבעטער געקומען זיך מתוודה זיין פאר אים און האט אים מגלה סוד געווען, וואו זיין געלט ווערט נעלם.

ווי דער איד שרייבט דארט, האט ער מפרסם געווען די מעשה, און אן אנדערער איד וואס איז געווען כלוא בבית און נישט ארויסגעטרעטן פון שטוב, איז געזונט געווארן קורץ נאכדעם וואס ער האט אויך אנגעהויבן זיך פירן מיט יראת הכבוד אין בית המדרש און מקפיד זיין נישט צו רעדן במשך פונעם גאנצן דאווענען.

האב איך געטראכט צו מיר: עס גייט מיר נישט קיין שידוך, איך טאפ א וואנט, און די נאטירליכע סיבות דערפאר זענען פארשטענדליכע, צוליב אסאך שוועריגקייטן. אבער ביים רבוש"ע איז דאך גארנישט שווער, און ווי די מפרשים שרייבן ("רבינו בחיי", און נאך), אז די טבע פון תפלה איז אז עס קען משנה זיין די טבע פון דער וועלט. נו ־ האב איך געטראכט - וועל איך פרובירן צו מאכן דעם שינוי לטובה, און פאר א שטיק צייט אויפהערן צו פלאפלען אין בית המדרש, פון ווען איך קום אריין אין דעם בית מקדש מעט, ביז איך גיי ארויס. און ווער ווייסט, אפשר בזכות זה וועל איך געהאלפן ווערן.

געווען איז דאס חול המועד סוכות. איך האב באלד אנגעהויבן איינהאלטן מיין קבלה טובה. גרינג איז מיר דער נסיון נישט געווען שווער. באלד קומט דאך שמחת תורה, ווען יעדער קומט זיך צוזאמען, און דעמאלט איז נאך שווערער זיך צו האלטן שטיל. אבער איך האב מחליט געווען, 'יהי' מה שיהי', איך וועל זיך שטארקן און "האלטן ווארט" (אין דאפלטן באדייט).

און באלד האט דער וואונדער פאסירט. ממש נאך יו"ט, איז צוריק אויפגעקומען דער מדובר פון א שידוך וואס מען האט מיר אמאל געהאט גערעדט. בשעתו, האט עס יענער נישט געוואלט הערן, אבער יעצט האט עס איינער ווידער אנגעטראגן, און ברוך ה', אז עס איז נתקבל געווארן על הלב. און מען האט נישט געדארפט ארבעטן צו שווער אז דער שידוך זאל אויסגעפירט ווערן.

איך בין עס מפרסם צוליב "אל תמנע טוב", און אז אנדערע אידן וואס דארפן ישועות זאלן זיך צוכאפן דערצו. עס איז כדאי מכבד צו זיין דעם פאלאץ פון רבוש"ע, און ווען מיר וועלן דערויף אכטונג געבן און זיך נוהג זיין אין בית המדרש מיט'ן נויטיגן כבוד און קדושה און זען אז דאס דאווענען זאל אויסזען כדבעי, וועלן אונזערע תפלות געוויס האבן דעם כח אראפצוברענגען פאר אונז ישועות ורפואות וכל מילי דמיטב.

ידידכם, מוקירכם, הרוצה בעילום שמו

(מתוך גליון הליכות החיים)


בס"ד

אמר רבי שמעון בר יוחאי כיון שבאו הציבור להתפלל בביהמ"ד בשבת קודש, אסור לעסוק אפילו בצרכי בית המדרש, אלא בדברי תשבחות, תפילה ותורה.

**ומי שעוסק בדברים אחרים ובדברי העולם בשעת התפילה, זה הוא אדם שמחלל שבת ואין לו חלק בעם ישראל.**

ושני מלאכים ממונים על זה ביום השבת. והם מניחים ידיהם על ראשו ואומרים עליו: **אוי לפלוני שאין לו חלק בהקב"ה.**

זוה"ק פרשת ויקהל רח:

מתפלל יקר,

**אל תפרוש מן הציבור...**

**ויש קונה עולמו בשעה אחת**

ולכן קבל על עצמך מעכשיו שלא לדבר יותר בשעת התפילה וקריאת התורה ובכך הנך מקדש שם שמים ברבים. ובזכות זה הקב"ה יקבל תפילתך וימלא משאלותיך בבני חיי ומזוני לך ולמשפחתך אמן.

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ויראת מאלקיך" - "ומקדשי תיראו" | להשיג חינם: 0533-199990 | a0573199990@gmail.com